יזכנו לאור ע"י

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

# גליון באור החיים

פרשת צו - הגדול - תשפ"ו לפ"ק

גליון תתע"ד


הגליון בשבוע זו נתנדב

**לכבוד השמחות בבית כ"ק מרן רבינו שליט"א**

ומשמחה זו ישפע שפע רב לנו ולכל ישראל אמן

## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

### כשאומרים פרשת העולה צריכין לעורר רחמים על נפשינו

**אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה.**

פרש"י הק' אש תמיד, אש שנאמר בה תמיד, היא שמדליקין בה את הנרות, שנאמר בה (שמות כז) להעלות נר תמיד.

הנה צריכין להשים לב ולהתבונן במתנה נשגבה שנתן לנו הקב"ה, להזכיר בכל יום את מצות הדלקת המנורה, בתוך סדר הקטורת, וכן את הפסוק "ובהעלות אהרן את הנרות בין הערבים יקטירנה" שהוא גם מדבר ממצות הדלקת המנורה, ועל ידי אמירה זו אנו פועלים לעורר רגשי לבבנו בקיום המצות, כמו שפעל הכהן על ידי הדלקת המנורה בפועל בבית המקדש.

ומטעם זה מנהגינו לומר פרשה זו, פרשת העולה גם בתפלת מנחה, כיון שנאמר בו פסוק זה, דקאי על הדלקת המנורה שהיתה לעת ערב, ובעת שאנו מזכירין פסוקים אלו של הדלקת המנורה, עלינו להתפלל אל ה', לעורר רחמים על נפשינו, שנזכה גם בזמן הזה, בזכות ובכח אמירתן, לעורר פנימיות לבבנו בקיום המצות.

(פתג"ק בהעלותך)


המדור הזה נתנדב ע"י הרב **אלתר אלכסנדר ליפא לאבין** שליט"א (וומס"ג)

לרגל שמחת הולדות בתו למזל טוב

ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן


שבת הגדול

### צריך להתחזק באמירת קרבנות

עתה כאשר אנו עומדים בשבת הגדול, אשר ביום זה לקחו בני ישראל שה לקרבן פסח, בעת כזאת נתעוררה בלבות בני ישראל תשוקה יותר גדולה להקרבת הקרבנות ולבנין המקדש, לכן צריכין להתעורר ביותר לאמירת פרשיות הקרבנות והקטורת בכוונה גדולה ובזהירות יתירה, וגם במקום הפסח, תיקנו לנו קדמונינו, לומר סדר הקרבת קרבן פסח בערב פסח בזמן המנחה, שכאשר אנו אומרים סדר זה בכוונה גדולה, נחשב לנו כאילו הקרבנו קרבן הפסח בפועל ממש, **אלא שצריכין ליזהר לאמרה בכוונה שלימה מלה במלה, ויחד עם הציבור.**

(דב"ק שבת הגדול)



# ווען א מענטש איז מטהר זיינע מחשבות הלב איז דאס כאילו ער האט מקרב געווען א קרבן עולה

צו את אהרן ואת בניו לאמר זאת תורת העולה היא העולה על מוקדה, זאגט רש״י הק׳ אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדורות, אמר רבי שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס.

זענען די מפרשים מדייק לכאורה איז די ציווי געזאגט געווארן פאר אהרן ובניו, און פאר זיי איז נישט געווען דא א חסרון כיס, ווייל די קרבן עולה איז פון די קרבנות ציבור, וואס קומט פון די תרומת הלשכה, וואס אלע אידן האבן געהאט א חלק אין דעם.

זענען די ספרים הק׳ מרמז אין דעם עטליכע ענינים על דרך המוסר, און מיר וועלן מבאר זיין איינע פון די ענינים וואס איז מורא׳דיג נוגע פאר די גאנצע סדר החיים, און מיר וועלן מקדים זיין מיט דאס וואס מען לערנט ארויס פונעם פסוק זאת תורת העולה, שכל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה, און מען דארף פארשטיין, וואס איז די גרויסע חשיבות פון לערנען די תורת עולה אז עס זאל זיין ווערד כאילו הקריב עולה.

און דאס וועט מען מבאר זיין לויט ווי חז״ל זאגן אז די קרבן עולה קומט צו מכפר זיין על הרהור הלב, און עס איז ידוע אז די גאנצע מענטש איז תלוי אין זיין מחשבות הלב, ווייל אויב א מענטש איז זוכה מטהר צו זיין זיינע מחשבות דעמאלטס זענען אויך זיינע מדות ריין פון שלעכטס, אבער זיינע מחשבות זענען נישט ריין דעמאלטס איז זיין גאנצע התנהגות נישט ווי עס דארף צו זיי, אזוי ווי דער בעש״ט הק׳ האט געזאגט אז אין די פלאץ ווי דער מחשבה

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ״ק רביה״ק זי״ע מלוקט מספרי דבי רב - באידיש

פונעם מענטש איז, דארט איז דער מענטש אינגאנצן.

און אין דעם ענין איז די טבע פונעם מענטש צו טראכטן פארקערט, ווייל אויב האט ער געטון א מעשה וואס איז נישט ריכטיג אדער ער האט גערעדט עפעס וואס איז נישט ריכטיג, דעמאלטס זעט ער איין אז ער דארף תשובה טון, אבער אויב דאס איז נאר געבליבן אין זיין מחשבה און ער האט עס נישט מוציא געווען צו א מעשה אדער א דיבור, טראכט ער אז ער האט גארנישט שלעכטס געטון.

און אזוי אויך ביי די ענינים פון בין אדם לחבירו, טראכט דער מענטש אז דער עיקר איז אז מיט זיינע מעשים און זיינע דיבורים זאל ער זיין גוט צו יעדן, פאר דעם ווייזט ער פאר יעדן א סבר פנים יפות, אבער אין טיפעניש פון הארץ ליגט נאך אין אים אסאך מחשבות פון כעס והקפדה, חלישות הדעת און שנאת חנם, אינעווענדיג פארדריסן אים נאך פארשידענע פיינטשאפטן, ער האט א שווער הארץ אויף דעם פאר די סיבה און א שווער הארץ אויפ׳ן צווייטן פאר א צווייטע סיבה. און די מחשבות פולן אן זיין מח במשך דעם גאנצן טאג, נאר אינדרויסן ווייזט ער עס נישט ארויס ווייל ער ווייסט אז מ׳טאר דאס נישט ארויסברענגען בדיבור אדער במעשה.

פאר דעם האט דער אייבערשטער געהייסן מקריב זיין א קרבן תמיד צופרי און בייניכט, און נישט א קרבן חטאת אדער אשם, ווייל אויף א חטא וואס ער האט געזינדיגט בדיבור אדער במעשה ווייסט ער אז ער דארף תשובה טון, אבער אויף הרהורי הלב ווייסט ער נישט אז ער דארף תשובה טון דערויף, פארדעם האט דער אייבערשטער געהייסן מקריב זיין א קרבן עולה דוקא צופרי און בייניכט כדי מכפר צו זיין אויף די הרהורי הלב.

און מיט דעם וועלן מיר קומען מבאר זיין די ענין פונעם פרשה, וויבאלד די פרשה רעדט זיך פון א קרבן עולה וואס קומט מכפר זיין אויף הרהור הלב, זאגט די פסוק צו את אהרן, א לשון זירוז, ווייל אין דעם ענין פון הרהור הלב דארף מען מורא׳דיג מזרז זיין א אידיש קינד, וויבאלד די גאנצע קומת האדם איז תלוי אין דעם, און דאס זאגט רש״י הק׳ ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש חסרון כיס, מיינט ער צו זאגן, אז די דיבור און מעשה, זענען כלים און כיסים וואס אין דעם לייגט א מענטש אריין זיין מחשבה, אבער א מחשבה וואס איז נאך נישט נתלבש געווארן אין א דיבור אדער א מעשה, ווערט אנגערופן ׳חסרון כיס׳, און אויף דעם קומט די פסוק מזרז זיין, אז א מענטש זאל נישט מיינען אז אויב ער זינדיגט נאר במחשבה הייסט דאס נישט קיין חטא, נאר אדרבה דאס איז די שורש פון אלע מעשים פונעם מענטש, און די גאנצע קומת האדם איז תלוי אין די הרהורי הלב.

און מיט דעם קען מען גוט פארשטיין, דאס וואס חז״ל זאגן כל העוסק בתורת עולה כאילו הקריב עולה, תורת עולה מיינט, די עבודה פון א קרבן עולה, דאס מיינט אז א מענטש איז מטהר זיינע מחשבות פונעם הארץ, און ווען א מענטש טוט די עבודה בזמן הזה, איז דאס חשוב כאילו ער האט מקריב געווען א קרבן עולה בפועל ממש, וויבאלד ער האט מקיים געווען די כוונה און די תכלית פונעם קרבן עולה.

(עבו״ע פתג״ק)

# א תורה אויף די פרשה

### צו את אהרן ואת בניו לאמר.

אין צו אלא לשון זרוז וכו', א"ר שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס. (רש"י)

'מקום שיש בו חסרון כיס' איז מרמז אויפ'ן מחשבה, ווייל אלע איברים קען מען דאך צודעקן ווען מען וויל נישט טוהן קיין עבירה, למשל די אויגן קען מען פארמאכן, און די אויערן פארשטאפן וכדו', משא"כ די מחשבה האט נישט קיין צודעק, דערפאר דארף מען זיין עקסטער געווארנט דערביי.

דאס איז מרמז דער 'היא העולה' - ווייל די קרבן עולה קומט דאך מכפר זיין אויפ'ן מחשבה.

(חידושי הרי"ם זי"ע)

### זאת תורת העלה הוא העלה על מוקדה.

נאר די תורה וואס אידן לערנען מיט התלהבות און חשק, גייט ארויף צום באשעפער און ווערט אנגענומען, אבער נישט תורה וואס ווערט געלערנט אן חשק.

דאס זאגט דער פסוק 'זאת תורת העולה' - וואס איז די תורה וואס גייט ארויף צום באשעפער 'על מוקדה' - דאס וואס ווערט געלערנט מיט א פייערדיגע התלהבות.

(רבי שלמה קארלינער זי"ע)

### זאת תורת העלה הוא העלה על מוקדה.

דערפאר שטייט 'מוקדה' (וואס דאס מיינט התלהבות) מיט א קליינעם 'מ"ם', מרמז צו זיין אז א מענטש דארף באהאלטן זיין התלהבות, און דאס נישט ארויס ווייזן פאר מענטשן, ווייל דאס קען איהם ח"ו צוברענגן צו גאווה.

(רבי מנחם מענדל מ'קאצק זי"ע)

### והרים את הדשן אשר תאכל האש את העלה.

'והרים' - דער אייבערשטער וועט אויפהייבן און גרויס מאכן, 'הדשן' די אידן וואס האלטן זיך אזוי שטארק אין ענווה, אז זיי טראכטן אז זיי זענען אזוי ווי אש.

(דברי ישראל - מודזשיץ)

### ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים והוציא את הדשן אל מחוץ למחנה וגו' והאש על המזבח תוקד בו.

דער פסוק איז א רמז פאר א מענטש אין א פאל וואס דער יצר הרע שטייט איהם אזוי שטארק אין וועג, און לאזט איהם בשום אופן נישט אפ, און הייסט איהם כסדר זינדיגן, איז דאך דא די עצה פון יזכיר לו יום המיתה, ער זאל זיך דערמאנענען דעם טאג פון זיין שטארבן, און אזוי וועט ער פאטרייבן דעם יצר הרע,

זאגט אונז דא די תורה, טאמער קומט דער יצר הרע זאלסטו געדענקען 'ופשט את בגדיו', ווען א מענטש טוט זיך אויס זיינע קליידער, 'ולבש בגדים אחרים' און ער טוט זיך שוין אן די קליידער מיט וואס ער געזעגנט זיך פון די וועלט, 'והוציא את הדשן אל מחוץ למחנה' מ'נעמט איהם שוין אוועק ארויס פון די מחנה צו באגראבן, 'והאש על המזבח תוקד בו' דער פייער פון גיהנם וועט דעמאלס ברענען אויב ער וועט זינדיגן, אזוי וועט ער אייביג זיין מיט תשובה און פאטרייבן דעם יצר הרע.

(רבי מאיר פרעמישלאנער זי"ע)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

### אש תמיד תוקד על המזבח לא תכבה.

דאס ווארט 'אש' איז ראשי תיבות 'את שבתותי', מזבח מיינט מען דאך דעם הייליגע טיש 'שולחן דומה למזבח'. דאס קומט מרמז צו זיין, אז די ווארעמקייט פון די הייליגע שבת'דיגע טיש זאל כסדר ברענען, אפילו אויף שפעטער אויך, 'לא תכבה', ס'זאל זיך קיינמאל נישט אויסלעשען.

(אמרי חיים)

### וכל מנחה בלולה בשמן וחרבה לכל בני אהרן תהיה איש כאחיו.

דער פסוק וויל אונז מרמז זיין, אז אפילו א זינדיגער מענטש וואס ברענגט א 'מנחת חרבה', איז זוכה אז מ'וועט איהם ליב האבן אזוי ווי אן אייגענער ברודער 'איש כאחיו'.

(תפארת שלמה)

### וזאת תורת המנחה וגו'. תורה אחת לכולן (רש"י).

כאטש וואס אלע קרבנות זענען שוין דערמאנט געווארן אינעם פריערדיגן פרשה, קומט דא דער פסוק אלעס איבערחזר'ן און לייגט צו די ווארט 'תורה', זאת 'תורת' העולה, וזאת 'תורת' המנחה, זאת 'תורת' החטאת, וזאת 'תורת' האשם, וזאת 'תורת' זבח השלמים, און 'תורה אחת לכולן', דאס איז צו ווייזן אז מען קען דערגרייכן דורכ'ן לערנען די הייליגע תורה, די זעלבע וואס מען טוט אויף מיט די קרבנות.

(שפת אמת)

### ואת כל העדה הקהל אל פתח אהל מועד.

זה אחד מן המקומות שהחזיק מועט את המרובה (רש"י).

עס ווערט געברענגט אין תורת כהנים פר' שמיני, אז אין טאג וואס דער משכן איז אויפגעשטעלט געווארן, האט משה רבינו געבענטשט די אידן, רבי מאיר אומר כך בירכן: 'ה' אלקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים'.

מען קען זאגן דעם טעם פארוואס משה רבינו האט זיי געבענטשט מיט אט די ברכה, ווייל ער האט געזעהן אז דער שטח פון פאר'ן פתח אהל מועד, וועלכע איז געווען פופציג אמה אויף פופציג אמה, איז גרעסער געווארן, און האט געהאט פלאץ צו האלטן אלע אידן, וואס איז דער חשבון פון אלף פעמים.

די משנה זאגט אין אבות (ה, ה) אז אין בית המקדש זענען די אידן געווען עומדים צפופים, ומשתחוים רווחים, און די נס איז געווען, אז ביים בוקן זיך האט יעדער געהאט פאר זיך ד' אמות.

ווייל חז"ל זאגן (סוכה ז:) אז 'אדם יושב ברוחב אמה' און איז הויך ד' אמות (עירובין מח.), קומט אויס אז ביים בוקן זיך האט יעדער אנגעפילט ד' אמות אויף איין אמה.

די אידן זענען געווען זעקס הונדערט און דריי טויזנט, און נאך צוויי און צוואנציג טויזנט לוים. אז פאר יעדן זאל זיין פיר אמות, דארף מען האבן צוויי מיליאן פינף הונדערט טויזנט אמות. די משכן איז דאך ברייט געווען פופציג אויף פופציג איילן, וואס דאס איז צוויי טויזענט פינעף הונדערט אמות. איז כדי צו האלטן אלע אידן, האט עס געדארפט האבן צוויי הונדערט פינעף הונדערט טויזענט איילן. איז דאך עס גרעסער געווארן מיט טויזענט מאל.

דערפאר האט זיין משה רבינו געבענטשט מיט'ן פאסיגע ברכה, 'ה' אלקי אבותיכם יוסף עליכם ככם אלף פעמים'.

(פנים יפות)

### זאת התורה לעלה למנחה ולחטאת ולאשם.

אין די תורה הקדושה איז פאראהן צוויי וועגן, זכה, נעשית לו סם החיים, אבער אויב לא זכה, דאן נעשית לו סם המות.

דאס ווארנט דא דער פסוק, 'זאת התורה', טאמער וועסטו לערנען דערין ווי עס דארף צו זיין, דאן וועט עס זיין 'לעולה ולמנחה' און וועט אנגענומען ווערן לרצון פאר'ן בורא יתברך, אבער אז מען איז נישט זוכה, דאן 'לחטאת ולאשם'.

(הרה"ק מריזשין זי"ע)

# עירוב תבשילין

## ארייפיר

אזוי ווי דאס יאר פאלט אויס פסח דאנערשטאג און פרייטאג, און מען דארף מאכן א עירוב תבשילין, כדי מען זאל קענען קאכן יום טוב אויף שבת, דעריבער האבן מיר געשריבן אין דעם מאמר, די הלכות און מנהגים וואס איז שייך ביים מאכן די עירוב תבשילין.

## חביבות המצוות

עס איז כדאי מקדים זיין, וואס דער של"ה הקדוש שרייבט, אז די מצוה פון עירובי תבשילין איז זייער באליבט, און עס זאל נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן, ווייל נישט אומזיסט האבן די הייליגע חכמים געזאגט אז אברהם אבינו האט מקיים די מצוה פון עירוב תבשילין.

### א
### שאלה: וואס נעמט מען פאר עירובי תבשילין?

**תשובה:** כאטש על פי הלכה דארף מען נישט נעמען א מצה ביים מאכן א עירוב תבשילין, וויבאלד מען באקט סיי ווי נישט פסח, פונדעסטוועגן פירט מען זיך צו נעמען מצה, וואס איז גרויס ווי א אי״, און עס איז א הידור צו נעמען א גאנצע מצה.

אויך נעמט מען א געקעכטס וואס איז גרויס ווי א כזית, די געקעכטס דארף זיין אזא געקעכטס וואס עס איז די סדר צו עסן צו ברויט, למשל פיש, אדער פלייש א.ד.ג., דער מנהג איז צו נעמען א געקאכטע איי, אבער אזאך וואס מען עסט נישט צו צו ברויט ווי למשל קאמפאט א.ד.ג. העלפט נישט.

### ב
### שאלה: ווען איז די זמן פון מאכן עירובי תבשילין?

**תשובה:** לכתחלה זאל מען נישט מאכן די עירוב תבשילין פאר ערב יום טוב, אזוי ווי עס שטייט אין די משנה "ועושה תבשיל מערב יום טוב", אויך זאל מען דאס נישט

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

מאכן די נאכט צו ערב יום טוב.

ווען עס פאדערט זיך צו מאכן פאר ערב יום טוב, למשל ווען מען ווייסט אז מען וועט נישט קענען מאכן ערב יום טוב, קען מען עס מאכן פאר ערב יום טוב.

לכתחלה זאל מען עס מאכן ערב יום טוב פאר דער יום טוב קומט אריין, בדיעבד אויב מען האט עס נישט געמאכט, קען מען עס מאכן אפילו בין השמשות ביז צום זמן פון צאת הכוכבים.

### ג
### שאלה: ווער איז אלץ מחויב מיט עירוב תבשילין?

**תשובה:** סיי מענער און סיי פרויען, וואס ווילן קאכן אדער באקן פון יום טוב אויף שבת, דארפן מאכן א עירוב תבשילין.

**באמערקונג**

אויך א פרוי וואס האט נישט קיין מאן, איז מחויב צו מאכן א עירוב תבשילין, אויב זי וויל קאכן פון יום טוב אויף שבת.

### ד
### שאלה: יונגעלייט וואס עסן און שלאפן ביי די עלטערן דארפן אויך מאכן א עירוב תבשילין?

**תשובה:** יונגעלייט וואס שטייען איין יום טוב ביי זייערע עלטערן, זיי עסן און שלאפן דארט, ווערן זיי געפטר'ט מיט דעם עירוב תבשילין פון זייערע עלטערן.

דאס זעלבע איז ווען סיי וואס פאר א גאסט עסט און שלאפט דארט, ווערט ער געפטר'ט מיטן בעל הבית.

אבער אויב זיי שלאפן ביי זיך אינדערהיים, און זיי עסן ביי זייערע עלטערן, אויב זיי קאכן עפעס א געקעכטס אויף שבת ביי זיך אינדערהיים, דארפן זיי מאכן א עירוב תבשילין מיט א ברכה, אבער אויב זיי קאכן גארנישט אויף שבת, נאר זיי צינדן ליכט ביי זיך אינדערהיים, זאלן זיי מאכן א עירוב אן קיין ברכה, אדער זאל דער בעל הבית מזכה זיין דעם עירוב אויך פאר זיי, און זיי מוציא זיין.

**באמערקונג**

עס איז ראטזאם אז זיי זאלן צושטעלן אום יום טוב צו קאכן הייס וואסער, אז מען זאל קענען טרינקען א קאווע אום שבת, וואס ביי דעם פאל וועט מען קענען מאכן א ברכה, אבער ביי אזא פאל איז בעסער אז זיי זאלן מאכן דעם עירוב תבשילין פאר זייערע עלטערן מאכן, כדי זיי זאלן קענען מאכן א ברכה לויט אלע דיעות.

### ה
### שאלה: אויב מען האט געמאכט א עירוב תבשילין, מעג מען שוין קאכן פון דאנערשטאג, וואס דאס איז די ערשטע טאג יום טוב, אויף שבת?

**תשובה:** אויב יום טוב געפאלט דאנערשטאג און פרייטאג, טאר מען נישט קאכן פון דאנערשטאג אויף שבת, אפילו מען וועט נישט קענען קאכן פרייטאג לכבוד שבת, ווייל די עירוב תבשילין העלפט נאר צו קענען קאכן פון פרייטאג אויף שבת.

### ו
### שאלה: ביז ווען מעג מען קאכן פרייטאג מאכלים לכבוד שבת?

**תשובה:** מען דארף אכטונג געבן צו צושטעלן די מאכלי שבת ווי די זופ און פלייש און די טשאלענט א.ד.ג., גענוג צייטלעך אז עס זאל שוין זיין ראוי צו עסן פאר עס ווערט נאכט.

בדיעבד אויב מען האט פארשפעטיגט און מען האט נאך נישט געקעכט די מאכלי שבת, קען מען מקיל זיין בשעת הדחק צו קאכן אפילו עס וועט נישט קענען ווערן אפגעקאכט פאר שבת.

### ז
### שאלה: אויב מען האט פארגעסן צו מאכן א עירוב תבשילין, איז דא א עצה מען זאל מעגן קאכן אויף שבת?

**תשובה:** עס זענען עטליכע אופנים וואס מען קען זיך אן עצה געבן אז מען זאל קענען קאכן אויף שבת ווי פאלגענד:

### 1. מאכן א תנאי

אויב עס איז דא צוויי טעג יום טוב, דאנערשטאג און פרייטאג, און מען דערמאנט זיך אינעם ערשטן טאג פון יום טוב אז מען האט נישט געמאכט א עירוב תבשילין, קען מען מאכן א עירוב תבשילין דעם ערשטן טאג יום טוב מיט א תנאי, אויב היינט איז יום טוב, איז דאך מארגן נישט יום טוב, און מען מעג מען קאכן אפילו אן א עירוב, און אויב מארגן איז יום טוב, קען מען דאך היינט מאכן א עירוב, ווייל היינט איז ערב יום טוב.

**באמערקונג**

די תנאי העלפט נאר ווען יום טוב איז דאנערשטאג און פרייטאג, אבער אויב יום טוב איז פרייטאג און שבת, קען מען נישט מאכן די תנאי, ווייל אפשר איז פרייטאג יום טוב, און יום טוב קען מען נישט מאכן א עירוב תבשילין.

אויך העלפט נישט די תנאי ווען ראש השנה געפאלט דאנערשטאג און פרייטאג, וויבאלד ביידע טעג פון ראש השנה ווערן גערעכנט פאר א יומא אריכתא, דעריבער קען מען נישט מאכן די תנאי, ווייל ביידע טעג זענען זיכער יום טוב.

### 2. זיך פארלאזן אויף די עירוב פונעם רב

אויב מען האט איינמאל פארגעסן צו מאכן א עירוב תבשילין, קען מען זיך פארלאזן אויף די עירוב תבשילין וואס דער רב פון שטאט מאכט, און ער איז מוציא יעדן וואס פארגעסט צו מאכן עירוב תבשילין.

אבער דאס איז נאר אויב מען האט פארגעסן צו מאכן די עירוב, אבער לכתחלה טאר מען זיך נישט פארלאזן אויף דעם, און אויב מען האט געקענט מאכן א עירוב און מען האט זיך פארלאזט אויף די עירוב פונעם רב, האט מען נישט יוצא געווען.

**באמערקונג**

דער היתר פון זיך פארלאזן אויף די עירוב פונעם רב, דאס איז נאר ווען מען פארגעסט דאס ערשטע מאל, אבער אויב מען פארגעסט נאכאמאל אין די קומענדיגע יום טוב קען מען זיך מער נישט פארלאזן אויף דעם.

### ח
### שאלה: אויב מען האט פארלוירן די עירוב תבשילין, אדער מען האט עס אויפגעגעסן, אדער עס איז פארדארבן געווארן, מעג מען קאכן אויף יום טוב?

**תשובה:** דער עירוב תבשילין דארף צו זיין ביז נאכן ענדיגן צו קאכן אדער באקן אויף שבת, און אויב עס האט זיך פארלוירן, אדער מען האט דאס אויפגעגעסן, אדער עס איז פארדארבן געווארן, טאר מען נישט קאכן אויף שבת, נאר אויב עס איז איבער געבליבן א כזית פון די עירוב תבשילין.

אבער דאס וואס מען האט שוין אנגעהויבן צו קאכן, מעג מען ענדיגן צו קאכן, אפילו מען האט נאר אנגעהויבן צו שניידן די גרינצייג א.ד.ג.

**באמערקונג**

מען דארף אכטונג געבן צו לייגן די תבשיל פון עירוב תבשילין אין א קילע פלאץ [פרידזשידער] כדי עס זאל נישט פארדארבן ווערן, ווייל אויב עס ווערט פארדארבן אינמיטן יום טוב, טאר מען נישט קאכן אויף שבת.

### ט
### שאלה: אויב מען האט בטעות אויפגעגעסן די מצה, מעג מען קאכן אויף יום טוב?

**תשובה:** אויב מען האט אויף געגעסן די מצה, און די געקעכטס פון די עירוב תבשילין איז געבליבן, מעג מען קאכן אלע געקעכטס.

### י
### שאלה: ווען קען מען שוין אויף עסן די עירוב תבשילין?

**תשובה:** מעיקר הדין מעג מען דאס עסן אפילו אין יום טוב גלייך נאכדעם וואס מען האט שוין אלעס אפגעקאכט אויף שבת.

אבער דער מנהג איז אז מען עסט עס ביי די סעודות שבת, וויבאלד מען האט געמאכט דערמיט די מצוה פון עירוב תבשילין, איז א ענין מען זאל טהון מיט דעם נאך א מצוה, דעריבער די מצה איז מען מצרף צו לחם משנה ביי אלע סעודות פון שבת, און ביי די סעודה פון שלש סעודות עסט מען דאס אויף.

און די געקעכטס עסט מען ביי די שבת'דיגע סעודה, די וואס נעמען א שטיקל פיש אדער פלייש, עסן דאס ביי איינע פון די סעודות פון שבת, און די וואס נעמען אן איי עסן דאס ביי די סעודה פון בייטאג ביי די איי מיט צוויבל.

* עס ווערט געברענגט פונעם הרה"ק השר שלום פון בעלזא זי"ע, אז עסן אין יום טוב פון די עירוב תבשילין, איז מסוגל צו יראת שמים (כתבי הרה"ק מהר"ם מבילוגרייא זצ"ל).



בס"ד

## ישיבת בין הזמנים ניסן תשפ"ו

| | זונטאג | מאנטאג | דינסטאג | מיטוואך | דאנערשטאג | פרייטאג | שב"ק |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צו | 2:30 - 12:00 | 2:30 - 11:30 | 2:30 - 11:30 | 2:30 - 11:30 | 2:30 - 11:30 | | שבת הגדול |
| פסח | 2:30 - 12:00 | 2:30 - 11:30 | 2:30 - 11:30 | ערב פסח | יום א' דפסח | יום ב' דפסח | שבת חוה"מ |
| שמיני | ב' דחוה"מ 3:00 - 1:00 | ג' דחוה"מ 3:00 - 1:00 | ד' דחוה"מ 3:00 - 1:00 | שביעי של פסח | אחרון של פסח | | |
| תזריע-מצורע | 2:30 - 12:00 | 2:30 - 11:30 | 2:30 - 11:30 | | | א' דר"ח אייר | ב' דר"ח אייר |

מאמר חדש בענין:
## פתיחת הכלים
*

# פתיחת כלים בשבת

בו יתבאר האיך לפתוח בשבת כל מיני כלי כדרכו ואופנו
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

## פרק א

## די מלאכה פון 'בנין וסתירה' ביי כלים - בויען און צוברעכן (אדער צונעמען) כלים

### סעיף א - בנין וסתירה בכלים

עס איז דא א מחלוקת אויב עס איז דא די מלאכה פון בנין וסתירה ביי כלים, אדער עס איז נאר שייך ביי קרקע (זאכן וואס זענען אריינגעבויט \ באהאפטן אין די ערד).

**להלכה למעשה:** נעמט מען אן לחומרא, אז עס איז דא בנין וסתירה אויך ביי כלים, אבער אויב מען דארף עס פאר שבת קען מען מתיר זיין דורך **א גוי** (און זיך פארלאזן אויף די פוסקים וואס האלטן אז עס איז נישט דא קיין בנין וסתירה ביי כלים).

אבער דאס וואס מיר נעמען אן אז ביי כלים איז שייך בנין וסתירה, דאס איז נאר ביי גאנצע און געהעריגע כלים. ביי געמיינע און שוואכע כלים וואס ווערט אנגערופן 'חותלות', נעמען מיר אן אז עס איז נישט דא ביי זיי קיין איסור פון בנין וסתירה.

### סעיף ב - שוואכע כלים [חותלות]

אויף די ווארט 'חותלות', געפונען מיר דריי אפטייטשן אין די פוסקים:

**די ערשטע אפטייטש:** אז דאס מיינט נישט קיין געהעריגע כלים, נאר שוואכע געמיינע כלים. דאס הייסט כלים וואס זענען געמאכט געווארן אויף א שוואכע וועג, און זענען נישט געמאכט זיך צו האלטן פאר א לענגערע צייט (אזוי ווי די היינטיגע דיספאזעבל פלעסטיק כלים אדער פאפירענע כלים).

**די צווייטע אפטייטש:** אז דאס מיינט כלים וואס זענען געמאכט געווארן צו היטן די עסנווארג וואס ליגט דערין, אז עס זאל נישט קאליע ווערן. למשל: קענס פון טונא, אדער קענס פון סארדינס, א.ד.ג. (וואס די לופט פון אינדרויסן מאכט קאליע די עסנווארג, און די קען היט אפ אז עס זאל נישט צוקומען קיין לופט צו די עסנווארג ווילאנג די קען איז פארמאכט). וויבאלד די כלי איז א טפל צו די עסן וואס ליגט דערין, ווערט עס בטל צו די עסנווארג, און עס האט נישט קיין חשיבות פון א כלי, וועגן דעם איז נישט דא קיין איסור עס צו צוברעכן.

לויט דעם פשט, איז אפילו א שטארקע כלי וואס איז געמאכט זיך צו האלטן פאר א לאנגע צייט, אויב אבער איז דאס נאר געמאכט צו היטן אויף די עסנווארג וואס ליגט דערין, האט דאס נישט קיין חשיבות פון א געהעריגע כלי, נאר עס רעכנט זיך אלץ 'חותלות', און עס איז נישט דא קיין איסור עס צו צוברעכן.

**די דריטע אפטייטש:** נאך א טייטש איז דא אויף 'חותלות', אז דאס זענען כלים וועלכע מען באנוצט זיך מיט זיי נאר איינמאל, און נאך וואס מען נעמט ארויס דאס וואס ליגט דערין ווארפט מען עס אוועק. וויבאלד מען באנוצט זיך מיט די כלי נאר איינמאל, האט עס נישט קיין חשיבות אזוי ווי גאנצע געהעריגע כלים, און עס איז נישט דא דערביי די איסור פון בנין וסתירה, אפילו אויב עס איז שטארקע געהעריגע כלים.

### סעיף ג - היינטיגע כלים

יעצט וועלן מיר זעהן ביי די היינטיגע שוואכע כלים, אויב עס האט דער דין פון חותלות אדער נישט.

**קענ"ס וואס איז געמאכט פון אייזן:**

לויט די ערשטע פשט אז 'חותלות' מיינט דוקא שוואכע כלים, איז פשוט אז אייזערנע קענס וואס איז שטארק הייסט נישט קיין 'חותלות', און מען טאר דאס נישט עפענען אום שבת.

אבער לויט די צווייטע פשט, אז 'חותלות' מיינט כלים וועלכע זענען געמאכט צו אפהיטן די עסנווארג זאל נישט קאליע ווערן, קומט אויס אז די אייזערנע קענ'ס, וו.צ.ב. קענס פון טונא און קענס פון סארדינס א.ד.ג. וועלכע זענען געמאכט צו פארהיטן די עסנווארג פון קאליע ווערן, הייסן יא 'חותלות' און עס האט נישט קיין חשיבות פון א כלי, און מען מעג דאס צוברעכן שבת.

אזוי אויך לויט די דריטע פשט פון 'חותלות', אז דאס מיינט כלים וואס מען ווארפט אוועק נאך איינמאל נוצן. וויבאלד היינט צוטאגס איז דער סדר, אז מען ווארפט אוועק די קענס נאכדעם וואס מען נעמט ארויס די עסנווארג, און מען באנוצט זיך שוין מער נישט מיט דעם, ממילא האט עס א דין ווי 'חותלות'.

להלכה למעשה פארלאזט מען זיך אויף די צווייטע און דריטע פשט פון חותלות, אז כלים וואס איז געמאכט צו אפהיטן עסנווארג, און כלים וואס מען ווארפט אוועק נאך איינמאל נוצן, הייסן חותלות. לויט דעם קומט אויס אז מען מעג עפענען קענס אין שבת.

**פאפירענע כלים, זילבער-פאפיר (אלומינום), פלעסטיק כלים:**

לויט די ערשטע פשט פון 'חותלות' האט עס זיכער א דין פון 'חותלות', וויבאלד עס איז דאך נישט קיין שטארקע כלים, נאר שוואכע ביליגע כלים. און די וואס לערנען די צווייטע פשט פון 'חותלות', זענען אויך מודה צו דעם ערשטן פשט, אז שוואכע כלים האט א דין פון 'חותלות'. און אויך לויט די דריטע פשט פון 'חותלות', וויבאלד געווענליך ווארפט מען אוועק די פאפירענע אדער אלומינום אדער פלעסטיק כלים נאך איינמאל נוצן, ממילא האט עס א דין ווי 'חותלות', און מען מעג עס עפענען שבת.

המשך בשבוע הבא אי"ה

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## כל אשר יגע בבשרה יקדש

איינע פון די אידן וואס האבן זיך געדרייט ביים הייליגן בעל התניא זי"ע פלעגט זיך אויך דרייען און זיך חבר'ן מיט די משכילים, ווען דער בעל התניא האט דאס געהערט האט ער געלאזט רופן דעם איד, און אים געזאגט אז ער זאל זיך אויפהערן צו דרייען מיט זיי כדי זיי זאלן נישט משפיע זיין אויף אים און אים אוועקדרייען פון די ריכטיגע וועג, האט דער איד געענטפערט פאר'ן בעל התניא, אז ער האט נישט מורא אז ער וועט ווערן נשפע פון די משכילים, והראי' אז איך דריי מיך שוין אויך דא גענוג לאנג ביי די חסידים און איך בין נאכנישט געווארן קיין חסיד.

האט אים דער בעל התניא געענטפערט אז עס איז נישט קיין ראי', און די משל איז בכלל נישט דומה לנמשל, וויבאלד ביי טומאה שטייט אין פסוק 'והבשר אשר יגע בכל טמא לא יאכל' דאס מיינט אז אפילו פלייש וואס רירט נאר צו צו טמא'נע פלייש ווערט שוין אליין טמא, מה שאין כן ביי קדושה שטייט אין פסוק 'כל אשר יגע בבשרה יקדש', און חז"ל דרש'נען אז דאס מיינט 'עד שיבלע' אז מען מוז דאס אראפשלינגען, זעהט מען פון דעם אז עס איז דא א גרויסע חילוק צווישן טומאה און טהרה, ווייל ביי קדושה דארף מען דוקא אראפשלינגען און עס דארף אריינגיין אינעם מענטש, און ביי טומאה איז גענוג אפילו נאר אנרירן.

האט דער בעל התניא זי"ע אויסגעפירט פאר דעם יונגערמאן, אז דו האסט קוים אנגערירט די קדושה וועגן דעם ביסטו נאכנישט געווארן קיין חסיד, אבער ביי די טומאה אפילו נאר מיט'ן אנרירן קענען דיר די משכילים פארדרייען די קאפ און אראפפירן פונעם ריכטיגן וועג רח"ל.

*

הרה"ק רבי מאיר'ל מ'פרעמישלאן זי"ע פלעגט שטארק מקפיד זיין אז ווען בעלי בתים פלעגן קומען צו אים פונעם מארק אז מען זאל קודם גיין אין מקוה צוליב די מחשבות והסתכלות, און הערשט נאכדעם קען מען אריין קומען צו אים שלום נעמען.

האט רבי מאיר'ל געטייטשט די פסוק די וואכעדיגע סדרה 'ומורק ושוטף במים', 'ומורק', ווען מען קומט פון די מארק, 'ושוטף במים', זאל מען זיך ארומוואשן מיט וואסער און גיין אין מקוה.

אן ענליכער טייטש זאגט מען נאך פון הרה"ק רבי יהודא צבי מ'סטרעטין זי"ע ווען ער איז געווען אין א גרויסע שטאט און עס איז געווען צוויי וועגן צו גיין כדי אנצוקומען צו וואו ער האט געוואלט גיין, איין וועג איז געווען א קורצע וועג אדורך די מארק און די צווייטע וועג איז געווען א לענגערע וועג וואס מען האט געדארפט ארומוואקן, האט ער גענומען די לענגערע וועג כדי נישט צו דארפן דורכגיין די מארק, האט ער דעמאלטס געטייטשט, 'ומורק', אז ווער עס גייט דורך די מארק, 'ושוטף במים' דארף זיך גיין טובל'ען.

# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

## זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| י"א ניסן | הרה"ק רבי ישעי' בן רבי אברהם הלוי זי"ע - של"ה הק' | ש"צ |

## זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| י' ניסן | הרב החסיד ר' שמואל בן ר' שרגא ע"ה רייכמאן | תרצ"ב | ביה"ח בטאהש אונגארן |
| י"א ניסן | הרב החסיד ר' ישראל דוד בן ר' יוסף שמואל ע"ה ראכליץ | תש"פ | ביה"ח בקרית יואל |
| י"ב ניסן | הרב החסיד ר' בנימין זאב בן ר' אשר לעמיל ע"ה זוסמאן-סופר<br>משב"ק ויד ימינו לרבינו הקדוש זי"ע קרוב לששים שנה | תשס"ה | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ג ניסן | האשה החשובה מרת רויזא בת ר' יוסף ע"ה ארגעל<br>אשת הרה"ח ר' משה ע"ה | תש"פ | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| י"ד ניסן | הרב החסיד ר' יעקב יצחק בן ר' נתן צבי ע"ה ווייס | תרע"א | ביה"ח בטאהש אונגארן |

# אהלי מלכים

מאמר מיוחד לכבוד חג הפסח

ע"י הרה"ג ר' יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן מר"ץ

## אויוועגעם מיט 'שבת מאוד'

**שאלה:** ס'דא צו קויפן אויוועגעם וואס האבן אריינגעבויעט א 'שבת מאוד', די שאלה איז צו איז דאס טאקע מותר צו נוצן אין שבת?

**תשובה:** דאס איז נישט געמאכט פאר א ערליכע היימישע איד, איינער וואס איז א חולה שאין בו סכנה וכדו' ער קען דאס בשעת הדחק נוצן.

סיי וועלכע מענטש וואס נוצט דאס דארף וויסן אז איינמאל מ'עפענט אויף דעם אויוון אין שבת, מוז מען ארויסנעמען אלעם וואס ליגט דארט. און אויב מאכט מען עס צוריק צו איבערלאזנדיג די זאכן דערין פאר ווען מ'וועט דאס וועלן נוצן דורכאויס דעם שבת, איז מען א נהנה ממלאכת שבת. אזוי שרייבן די וואס האבן ערפינדן דעם 'שבת מאוד'. דאס איז א מכשול וואס א גרויס חלק אידן וואס נוצן דעם 'שבת מאוד' וויסן נישט.

די וואס האבן ערפינדן די 'שבת מאוד' שרייבן אז עס איז א טעות אז מ'רופט דאס 'שבת מאוד' זיי האלטן אז דאס איז באמת 'יו"ט מאוד'.

'שבת קיפער' וואס איז א באזונדערע זאך וואס מ'קויפט צו, און איז אויסגעשטעלט איבער צונעמען די ארבעט עס זאל זיין כהלכה, ארבעט נישט דאהי' אין קאנאדע, (אפילו ווען די מאדעל איז די זעלבע פון ניו יארק, ווייל די מאדעלן נומערן לויפן אנדערש).

**שאלה:** צו קען מען נוצן די 'שבת מאוד' אין יו"ט ?

**תשובה:** א מדקדק איז בעסער אז ער איז זיך מונע, והמקיל יש לו על מי לסמוך מיט די קומענדיגע תנאי.

מ'דארף זיכער מאכן צו איוספראבירן דעם 'שבת מאוד' פאר יו"ט - פארן ערשטן מאל נוצן - און קוקן צו מען זעט טאקע נישט קיין שום זאך וואס זאל זיך טוישן ווען מ'עפענט אויף אדער מ'מאכט צו די טיר (ווי לעקטער, סקרין, קולות וכדו'), ווייל די מאשינען האבן נישט קיין שום השגחה נאר די קאמפעניס נוצן די פאטענט וויאזוי זיי פארשטייען, און פון איין מאדעל צום צווייטן קענען צוקומען פארשידענע פיטשער'ס וואס די קאמפעני' כאפט נישט אז דאס דארף אויך אריינגיין אינעם שבת מאוד. און אויך מאכט זיך טעותים אין די סיסטעם בשעת די פראדוקציע.

## פארקויפן מעל/קויפן פריש געמאלן נאך פסח

**שאלה:** צו דארף א מענטש נזהר זיין אז נאך פסח זאל ער קויפן פרישע מעל וואס זענען געמאלן געווארן נאך פסח, אדער ער קען פארקויפן זיין מעל פארן גוי אדער קויפן פון א געשעפט וואס האט פארקויפט זייער מעל פארן גוי?

**תשובה:** אין קורצן איז די תשובה אז ס'געוועזן גדולי ישראל [1] האבן זיך געפירט צו רעכענען מעל אלס א חמץ גמור וואס מ'פארקויפט נישט צום גוי. און זיי האבן געקויפט נאך פסח פון א גוי, אדער געקויפט וואס מ'האט פריש געמאלן נאך פסח. און אזוי האט זיך רביה"ק זי"ע זייער שטארק געפירט און מדקדק געווען.

איינער וואס ביי זיי האט מען זיך נישט געפירט צו מדקדק זיין אין דעם, קען לכתחילה קויפן מעל פון א געשעפט וואס האט פארקויפט זייער חמץ פארן גוי.

אמאל פלעגט מען אריינמישן וואסער אין די ווייצלעך און ווייקן דערין, כדי אז ווען מ'מאלט עס זאל אראפקומען די קלאבן זייער גוט, און די מעל זאל זיין ריין ווייס. דאס ווערט אנגערופן לתיתה. בזמן הגאונים האט מען מתקן געווען אז מ'זאל דאס נישט טון, ווייל מיר זענען נישט געווען בקי צו נזהר זיין אז ס'זאל נישט צוקומען לידי חימוץ בשעת די לתיתה, און אויך אז אפשר וועט מען עס לאזן אין די וואסער מער פון אביסל און ס'וועט צוקומען לידי חימוץ. און וועגן דעם אויב האט מען יא אזוי געטון טאר מען נישט עסן אדער נהנה זיין פון דעם אין פסח, אבער האלטן אינדערהיים פסק'נעט דער חק יעקב [2] שועה"ר [3] און מ"ב [4] אז אויב מ'האט עס נאר געווייקט אביסל און גלייך געמאלן מעג מען עס משהה זיין אויב די רעדע איז פון ווייץ (אבער אויב די רעדע איז פון גערשטן טאר מען נישט משהה זיין אויך נישט).

אין שועה"ר [5] שטייט אז עס זאל נישט ליגן דערין שיעור מהלך מיל. (אגב, דער חזו"א [6] שרייבט אז לענין שהייה (צו האלטן אינדערהיים אן מכירה לגוי) ווענדט זיך צו דאס איז צוגעקומען לידי חשש חימוץ מעיקר הדין, וואס איז מבואר אין די גמרא [7] אז די ווייצלעך אדער גערשטן זענען אנגעקומען דורך די לתיתה צו א מצב אז אויב מ'וועט עס לייגן אויף א פאס ווין וועט זיך עס שפאלטן, אבער אויב עס האלט נישט ביי די מדריגה מעג מען עס משהה זיין).

היינטיגע מעל איז מעגליך דא עטליכע חששות, א) משפריצט ארויף וואסער (טעמפערינג), און אפשר האט מען דאס געווייקט א לענגערע צייט און ס'געווארן חמץ. ב) מ'ליגט אריין 'מאלט' וואס איז געמאכט פון גערשטן. ג) נאכן מאלן טוט מען דאס בליטשן (צו האלטן די מעל ווייס) וואס מעגליך ווערט עס חמץ דעמאלט'ס.

האול וויט מעל האט א קלענערע שאלה, וויבאלד די גאנצע פראצעדור פון לתיתה איז דאך אז די מעל זאל ארויסקומען ריין ווייס, וואס ביי האול וויט דארף מען דאס דאך נישט (הגם עס מאכט זיך יא וואס ווען מ'וויל צו לייגן וואג טוט מען די פראצעדור ביי האל וויט אויך) [8].

פונדעסטוועגן וויבאלד היינט ווייסט מען די פאקטן איבער דעם זייער קראנט, און די מציאות איז אז ס'איז נאר א חשש חמץ [9], בפרט די קאנאדישע

---

1 מובא במעשה רב (אות קפא) שהגר"א ז"ל לא אכל שום מאכל העשוי 'מקמח שבשוק' של ישראל שהי' קמח מקודם פסח 'והי' מכור לנכרי' שלא סמך על מכירת חמץ שהוא מכירה גרועה (ורק על מכירה גמורה יש לסמוך), ובעטרת חכמים (להברוך טעם חחו"מ תשו' ט"ו בד"ה ומה שמחליט), וכן הגאון ר' משה ניישלאס זצ"ל החשיבו לחמץ גמור, עי' המדריך להוראה (ח"ח עמ' נח). ובהליכות אבן ישראל (מועדים עמ' צו להגאון רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל) 'קמח אם אין לותתים אותם במים יכול להשאירו בביתו ולמכור בהמכירה לנכרי, אבל אם לותתים אותם במים חשוב כחמץ בעין, ומי שמקפיד לא למכור חמץ בעין גם לא ימכור קמח, ולמעשה צריך לבדוק המציאות בכל פעם אם לותתים הקמח או לא'.

2 חק יעקב (סי' תנג סקי"ח).

3 שועה"ר (סכ"א).

4 מ"ב (סי' תנג סקכ"ז) 'ומ"מ מותר להשהות קמח החטים לתותים מותר בפסח, אם שרן במים מעט וטחנן מיד אחר הלתיתה'. וראה שו"ת חבלים בנעימים (ח"ב סי' טז).

5 'אבל אם לא טחנם מיד אלא שהו בלחלוח המים שעליהם כדי הילוך מיל אסור להשהותם'.

6 (ד"ה כתב עוד).

7 פסחים (מ א).

8 ועי' בשו"ת ראש פינה (ח"א סי' כא). ראה שו"ת מקדש ישראל (פסח עמ' ריג).

9 על חשש א) בזמננו בדרך כלל הוא שוהה רק זמן קצר מאוד. (ועי' בספר ברנה יקצורו עמ' שלו, ובקובץ עץ חיים, באבוב, גליון י"ט ע' רי"ג, בירור ארוך בהמציאות של לתיתה בקמח של השוק שבזמנינו הנקרא בליעטש"ט או טעמפערינ"ג, ומצד מה שמערבין לתוך הקמח מאלצי"ן מאלטעדבארל"י). על חשש ב) אף במיני קמחים שהבית חרושת מוסיפים לתוכה מאל"ט שהוא קמח משעורה מחומצת הלא אעפ"כ אין מוסיפים רק חלק קטן ויש הרבה יותר מששים כנגדה והוא דק כקמח, וקמח בקמח חשיב כלח בלח שבטילה לפני פסח, וצ"ע לשיטת הרשב"א המובא בב"י (יו"ד סי' קל"ד), ובשו"ע הרב (בקונט"א סי' תמ"ב סק"ה). על חשש ג) לפי המציאות נעשית באופן שאינו מחמיץ.

מעל, וועגן דעם אויב מ'פירט זיך נישט להחמיר, מעג מען להלכה פארקויפן די מעל פאר א גוי און עס נוצן נאך פסח, און אזוי אויך קען מען קויפן פון א אידישע געשעפט וואס פארקויפט זייער חמץ בהידור[10].

## חמץ נאך פסח פון א גוי'איש געשעפט

**שאלה:** צו מעג מען קויפן חמץ פון א גוי'אישע געשעפט גלייך נאך פסח, אדער ס'קען זיין א שאלה אין דעם?

**תשובה:** קויפן ביי א גוי חמצ'יגע פראדוקטן גלייך נאך פסח, ווענדט זיך צו דער גוי איז בעל הבית אויף דעם פראדוקט א גאנץ פסח, ווייל ס'דא עטליכע אופנים וויאזוי ער פארקויפט, אדער קויפט ער דאס אפ אז דאס ווערט זיינ'ס (וואס דעמאלט'ס איז דאס מותר), אדער געבט ער פלאץ אויפן שעלף, אבער דער בעל אחראי איז דער איד וואס האט פראדוצירט דעם פראדוקט[11], און דעמאלט'ס אויב ער האט פארקויפט זיין חמץ בהידור איז גוט און אמאל נישט (אמאל איז דער דיסטריביוטער דער בעל אחראי וואס דארף פארקויפן פארן גוי).

דעריבער אויב די פראדוקט איז פון א היימישע פירמע, קען מען שאצן אז ער האט דאס פארקויפט אויפן גוטן אופן, אויב איז דאס א פראדוקט פון פירמעס וואס זענען נישט אזוי באקאנט אלס היימיש, דעמאלט'ס דארף מען דאס מברר זיין פאר מ'קויפט. אדער פרעגן א שאלה.

## לויפן אויף חברים קאל'ס

**שאלה:** צו מעג א חברים מעמבער לויפן אויף קאל'ס און העלפן אידן אין חול המועד?

**תשובה:** צו העלפן א איד איז מצוה רבה, אבער ווען עס קומט צו חול המועד איז דא אופנים וואס מ'מעג נישט לויפן צו דעם קאל. צו געבן א שטיקל בליק אויף דעם וועלן מיר רעדן וועגן העלפן מיט א קאר, מ'קען מען דאס צוטיילן אין צוויי, א) אויב דער וואס רופט איז ערגעץ אינמיטן וועג, דעמאלט'ס מעג מען 'בדרך כלל' גיין העלפן[12] (ס'נאכאלץ וויכטיג זיכער צו מאכן אז מ'מעג טאקע). ב) אבער אויב דער וואס רופט איז נאכנישט ארויסגעפארן איז נישט אלע זאכן מותר צו העלפן, ס'איז זייער וויכטיג דעמאלט'ס אז אדער דער רופער זאל קומען מיט א פסק פון א מורה הוראה אז ביי דעם פאל מעג מען אים העלפן, אדער דער וואס וויל גיין העלפן זאל קודם פרעגן א שאלה, ווי אויך איז זייער וויכטיג צו הערן שיעורים וואס מ'מעג יא און וואס מ'מעג נישט.

10 וכן נקטו כמה גדולים, עי' הגדה דברי יואל (אות צג) שהגם שהרה"ק מסאטמאר זצ"ל לא מכר חמץ גמור, מ"מ מכר קמח לגוי והשתמש בו אחר פסח. ובהגדה של פסח (עטרת יהושע מנהגי קודש אות קיב לגאב"ד ירושלים רבי משה אריה פריינד זצ"ל) 'נשאל אם המחמירים שלא למכור חמץ בעין לנכרי מותרים למכור קמח במכירת החמץ, והשיב דשרי'. וכן בזכור לאברהם (תולדות אהרן ח"ג עמ' קלד) שקנה קמח קודם פסח ומכרן לגוי כדי שיהי' מכור כהוגן והשתמש בקמח זו. וכ"כ בשו"ת חיי הלוי (ח"ז סי' יח אות ו) 'עוד אמר הרב אב"ד דעברעצין ז"ל שאפילו להמחמיר שלא למכור דברים כאלו וכן קמח, אולם עכ"פ אין צריך להחמיר לענין לקנות דברים אלו אחר הפסח ממי שמכרם'. הגאון רבי יעקב יצחק ניימאן זצ"ל אב"ד מחזיקי הדת מאנטריאל כששאל לו אחד למה הרה"ק מפאפא זצ"ל היה מחמיר למכור הקמח ולתתם ברשות הנכרי על הפסח, והשיב שאז לא היה עדיין בקיאין בסדר עשיית קמח, ואם יש בו חשש חמץ, משא"כ בזמננו ברוב מקומות אין בו חשש מעיקר הדין, ובודאי יש לסמוך בקמח על המכירה לעכו"ם גם להמחמירין עכ"ד. וכן הגאון החזו"א זצ"ל בעצמו מכר שק קמח לנכרי והשתמש בו לאחר הפסח, אבל חמץ ממש לא מכר . וכן פסק לדינא הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל.

11 עי' שו"ע (סי' תמ"ח ס"ג) ופוסקים. ובמ"ב (סי' תמז סקי"ד וס"ק קב), ובשועה"ר (סי' תמב ס"ה-ו) בנוגע תערובות חמץ.

12 משום דבר האבד, וכדו'.

בית הוראה
דקהל אור החיים ד'טאהש
נתייסדה ע"י רביה"ק זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ב"ה

# מכירת חמץ

**בבוקר:** (החל מיום א' שמיני א')

משעה 8:15 עד 8:45

**בחדר ה"בית הוראה" שבביהמ"ד אברכים**

**בערב:** (החל מיום א' שמיני א')

**ביום א'** (שמיני א') שבוע שחל בו פסח

משעה 7:30 עד 8:20 בערב

**ביום ב'** (שמיני א') שבוע שחל בו פסח

משעה 6:00 עד 8:20 בערב

**ביום ג'** (שמיני א') שבוע שחל בו פסח

משעה 5:00 עד 7:15 אחצ"ה

**בהיכל ביהמ"ד אברכים לצד צפונית מערבית**

**מכירת חמץ לאחר הבדיקה**
אלו הרוצים שימכרו חמצם אחר בדיקת החמץ, יבואו גם כן בזמנים הנרשמים, ויודיעו זאת להדומ"ץ שליט"א, ויניחנו למוכרו אחר בדיקת חמץ.

הכו"ח בברכת חג כשר ושמח
**בית הוראה דקהל אוה"ח ד'טאהש**

בית הוראה
דקהל אור החיים ד'טאהש
נתייסדה ע"י רביה"ק זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

ב"ה

# הגעלת כלים

**וועט אי"ה זיין**

**קומענדיגע מאנטאג**

**וואך פון פסח** (שמיני א')

**פון 5:00**

**ביז 8:00**

**אין בנין ישיבה קטנה # 14**

הכו"ח בברכת חג כשר ושמח
**בית הוראה דקהל אוה"ח ד'טאהש**

ניייעס, באריכטן
און אנטוויקלונגען,
אינערהאלב
**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**
צווישן מקהלת אנשי
שלומינו ברחבי תבל

# במקהלות

**תלמוד תורה עבודת משולם פייש - מאנסי:**

## שמחת החאלאקע פון נכד רבינו שליט"א געפראוועט געווארן אין ת"ת

דעם פארגאנגענעם פרייטאג איז געפראוועט געווארן בין כותלי מוסדותינו הקדושים די געהויבענעם שמחה בבית צדיקים, די שמחת האפשערן פונעם אייניקל פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, הילד החשוב יצחק אייזיק סג"ל ני"ו מתלמידי המוסדות, בן הגה"צ אב"ד קהלתינו הק' שליט"א.

די מעמד האט זיך אנגעפאנגען פרייטאג אינדערפרי שעה'ן ווי די קינדער האבן שוין אפגעווארט די געהויבענע בני משפחה אין חדר האוכל שע"י בנין המוסדות אינטער די אויפזיכט פון די געטרייע און איבערגעגעבענע מלמדים, צום ערשט האבן די קינדער געזינגען אינאיינעם אפאר ניגוני שמחה אנגעפירט דורכ'ן געטרייע סגן מנהל הרב משה מרדכי שטיינבערגער שליט"א.

דערנאך האט די חאלאקע אינגל געזאגט די אלף בית, צוזאמען מיט'ן מלמד מומחה רבות בשנים הרב חיים ראטטענשטיין שליט"א, מלמד כתה א' במוסדותינו הק', דערנאך האט מען געזינגען נאך אפאר ווארימע ניגונים

דערנאך האט הגה"צ די רב שליט"א געמאכט א לחיים און אנגעוואונטשן פאר אלע קינדער און מלמדים און עוסקים במלאכת הקודש, דערנאך זענען אלע קינדער אדורך געגאנגען געבן לחיים, און דער רב האט פארטיילט לקח פאר אלע קינדער.

תיכף דערנאך זענען אלע קינדער אהיים געגאנגען, ווען בשעת דעם שטייט די רב שליט"א און קוקט זיך צו מיט א קענטיגע הנאה צו זעהן ווי די לעכטיגע קינדערלעך גייען אהיים אזוי איידל און באשיידן, ווי עס פאסט פאר קינדער וואס גייען און די הייליגע רבי'ס מוסדות, דער רב איז אויך ארויף אויף די באסעס צו זעהן ווי אזוי די קינדער פירן זיך אויף.

די שמחה האט איבערגעלאזט גאר שטארקע חיזוק פאר די לעכטיגע תלמידים אנצוגיין ווייטער אויפן הייליגן דרך וואס מיר האבן מקבל געווען פון רביה"ק זי"ע, און ווי עס פירט אונז ווייטער אבינו רועינו הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א צו שטייגן און וואקסן מעלה מעלה בתורה ויראת שמים ומדות טובות.

דער אייבערשטער זאל העלפן די שמחה זאל זיך ווייטער ציען, און די רב זאל זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

אן עקסטערע ברכה פארן ראש בית אב אבינו רועינו הוד כ"ק מרן רבינו שליט"א, ער זאל ווייטער זעהן אסאך תענוג ונחת פון דעם אייניקל און פון אלע קינדער און אייניקלעך, און פון די לעכטיגע תלמידים הקרויים בנים, און ווייטער קענען פירן די עדה הקדושה על מי מנוחות, און אונז אנקעגן פירן משיח צדיקנו בב"א.

שישו ושמחו בשמחת רבינו!












Rabbi Y.Z. Moskowitz
47 Pl. Andre Ouellete
Boisbriand, Quebec J7E 4H4
Tel. (450) 435-0749 Fax (450) 435-1923

בעזהשי"ת

יואל צבי הלוי מאשקאוויטש
דומ"ץ
בקהל אור החיים ד'טאהש
בעמח"ס בית נאמן בישראל
קרית טאהש קאנאדא

בין גאולה לגאולה תשפ"ב לפ"ק

**אל כבוד אצילי בני ישראל רחמנים בני רחמנים**
**תושבי ודיירי קריתינו הקדושה הי"ו.**

**בקריאה** נרגשה מעומק הלב, הנני פונה אל ידידינו תושבי קריתינו הק', נדיבי עם, בהיות שימי חג הפסח עומדים אחר כתלינו, והוצאות החג המוטלים על משפחות אנשי שלומינו מרובים מאד, ובתוכם בעלי משפחות גדולות, אשר גם כל השנה הם מתיגעים בקושי גדול לכלכל הוצאות חיי יום ביומו, כדי לפרנס את בניהם לחם לפי הטף, ובפרט בהתקרב ימי חג הפסח שההוצאות מרובים מאוד וקשה עליהם כח הסבל, ואין בידם לכלכל אפילו על ההכרחיות, וכמעט נופלים תחת נטל ההוצאות.

**והנה** נפסק להלכה, שכל מי שדר בעיר חייב לתת מעות חיטים, וזהו חיוב גמור, וכתב במשנה ברורה וז"ל, **ואלה המשתמטים עצמם מליתן קמח עניים יש עון בידם, והנה ידוע שעיני העניים נשואות לזה, וכשהם ישארו בדוחק וברעבון והוא יעלים עין בזה, ידוע מה שאמר בגמרא סנהדרין וכו' עכ"ל.**

**על כן** הנני בזה בשאלתי ובבקשתי, לכל אנ"ש תושבי קריתינו, ותלמידי כ"ק מרן רבינו הקדוש והטהור זי"ע, נא בכל מדה נכונה, חוסו נא על אלה העניים ואביונים, ותרומו תרומתכם תרומת הקודש בלב ונפש חפיצה, כפי הסכום הנדרש, כדי שנוכל לסעדם ולתמכם בסיוע שיש בו ממש, ולשמח לב הנצרכים.

**ובעזהי"ת** באלו הימים ישבו העסקנים לקבל נדבות הציבור, ואין מזרזים אלא למזורזים, נא תביאו נדבתכם בהקדם האפשרי, כדי שנוכל לעשות החלוקה בהקדם האפשרי.

**ומכאן** הקריאה בא, לאלה שברכם ה' והמה בעלי יכולת, ובעלי השגה, שיתאמצו לתת סכום הגון יותר מהמבוקש, איש כמתנת ידו כברכת ה' אשר נתן לו.

**ובזכות** מצוה גדולה זו, נזכה כלנו לחוג את חג המצות בדיצות, וכל המשתתפים יתברכו מן השמים בהשפעות טובות עד בלי די, עדי נזכה במהרה לביאת גואלינו, ונזכה לאכול עוד בהאי שתא מן הזבחים ומן הפסחים, ומלכינו בראשינו בב"א.

**כ"ד החותם למען המצוה הגדולה**

**בברכת חג כשר ושמח**

הק' יואל צבי הלוי
מאשקאוויטש

יואל צבי הלוי מאשקאוויטש
דומ"ץ בקהל אור החיים קרית טאהש קאנאדא יע"א



## שבת קודש פר' ויקה"פ - החודש

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד, די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה.

פארן דאווענען האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר החתן שמואל צבי ב"ר בערל טעללער הי"ו, דערנאך געבענטשט דעם חתן און אנגעוואונטשן ברכות לרוב פארן חתן ומחותנים און זיידע'ס.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן א' גוט שבת'.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה בהיכל הישיבה זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מו"ה מרדכי הערשקאוויטש הי"ו משגיח בישיבה גדולה.

במשכ'ן סעודה האט דער רבי משמיע געווען דברות קודש ספעציעל פאר תלמידי הישיבה, אזוי אויך האבן די בחורים געהאט די געלעגנהייט צו זאגן דברי תורה.

שפעטער ביים שלה"ט בהיכל ביהמ"ד הגדול פאר כל הקהל הקודש זענען מכובד געווארן מיט די זמירות: הרב לייבוש קליין שליט"א פון מאנטריאל, הרה"ח ר' נתנאל מאיר הערשקאוויטש הי"ו, הרב אלחנן חיים כ"ץ שליט"א נכד רביה"ק זי"ע ור"מ בישיבה גדולה, אב"ד קלוזש שליט"א, הרב אלי' לייב טירנויער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו פון מאנסי.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מו"ה יעקב יואל שליט"א הי"ו לרגל די יארצייט פון אביו ע"ה, שיר המעלות הב' אלי' ב"ר משה מאיר ברוין נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

נאכן בענטשן האט דער רבי געטאנצן מיט החתן שמואל צבי טעללער הי"ו וועלכע האט חתונה אין ניו יארק. דערנאך אנגעוואונטשן ברכות לרוב פארן חתן און מחותנים. שבת נותנים מוה"ר יצחק שמעון אסטרייכער הי"ו פון קרית יואל.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן לביתו נאוה קודש, און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען מוה"ר יואל יוסף טעללער הי"ו פון לאנדאן. שחרית האט געדאווענט אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מוה"ר אליעזר הערש פישער הי"ו משב"ק, לוי מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו, שלישי מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו, רביעי מוה"ר משה יוסף ארי' שימאנאוויטש הי"ו פון קרית יואל, חמישי מוה"ר בערל טעללער הי"ו, ששי הרה"ח ר' יוסף וואלדמאן הי"ו פון קרית יואל, שביעי מו"ה משה אסטרייכער הי"ו דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, הוספות: החתן שמואל צבי טעללער הי"ו און עס איז פארגעקומען די באווארפן, אחרון - חזק כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א. הגבה מו"ה פישל גאלדבערגער הי"ו פון קרית יואל.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א.

רבינו שליט"א האט געבענטשט ראש חודש מיט גרויס התעוררות, און צוגעגאנגען צו תפילת מוסף. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר ישראל מרדכי פרושינובסקי הי"ו פון מאנסי.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט תלמידי ישיבה גדולה ואורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש הב' אשר ענזיל ב"ר יהוסף אלקנה סג"ל קרויס נ"ו תלמיד ישיבה גדולה.

אז ביום השביעי מוה"ר שלמה הערש עקשטיין הי"ו פון קרית יואל, ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען מוה"ר דניאל הלל פיליפסון הי"ו. שיר המעלות הב' יואל דייטש נ"ו פון קרית יואל.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן לביתו נאוה קודש, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

◆

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה הרב אברהם לייב ראזענבוים הי"ו מנהל חברת תהלים. די עליות האבן עולה געווען, ראשון החתן יעקב חיים בה"ר בערל סג"ל טירנויער ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, שני הרב לייבוש קליין שליט"א פון מאנטריאל, שלישי הב' יעקב חיים ב"ר שמואל יצחק אמסעל ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, גלילה מוה"ר יצחק לוי פרושינובסקי הי"ו פון מאנסי.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' פנחס ארי' גרינוואלד הי"ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: מוה"ר עזרא שמעון ישראל סג"ל נייהויזער הי"ו, מוה"ר בערל טעללער הי"ו, מו"ה משה אסטרייכער הי"ו, שושנת יעקב מוה"ר יעקב אליעזר מערמעלשטיין הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען אדמו"ר מ'זוטשקא קאראקאס שליט"א, שיר המעלות הב' אשר ענזיל ב"ר אלימלך קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו,, און דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הב' אלימלך אלי' ב"ר יואל קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, די הבדלה האט געהאלטן החתן שמואל צבי ב"ר בערל טעללער ני"ו.

דערנאך האט דער רבי דערציילט שיחות קודש.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

## דינסטאג פר' ויקרא

ביינאכט איז פארגעקומען א מסיבת לחיים בחדר הפרטי פון רבינו שליט"א לרגל די קישור החיתון, בת הגה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן ומו"ץ, וואו עס איז פארפירט געווארן א שיינע שמועס איבערן יחוס פון די חשוב'ע משפחות.

דער רבי האט געמאכט א לחיים, און מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים, דער רבי האט אנגעוואונטשן ברכת קדשו פאר די חתן און מחותנים, און פארטיילט לקח פאר אלע פארזאמעלטע, דערנאך זיך ארויסגעלאזט אין א געהויבענע ריקוד.

## מיטוואך פר' ויקרא

ביינאכט איז רבינו שליט"א ערשינען ביים קבלת פנים פון בת מוה"ר צבי אביגדור לאנדאוי הי"ו, חתן הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו, אין די זאלן פון בית צירל. דער רבי האט מסדר געווען די כתובה, געוואונטשן לחיים, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן מחותנים און זיידע'ס ובני משפחה, מכבד געווען די מחותנים אנצוטון די קיטל, דער רבי האט אנגעטון די גארטל, געלייגט די אש אויפן חתן, געגאנגען באדעקן די כלה, און מסדר קידושין געווען אונטערן חופה.

## דאנערשטאג פר' ויקרא - ר"ח ניסן

אינדערפרי האט דער רבי געדאווענט שחרית בהיכל ישיבה גדולה, צום עמוד איז צוגעגאנגען הב' אלימלך סג"ל קרויס ני"ו, דער רבי האט געדאווענט הלל פארן עמוד מיט גרויס התעוררות.

די עליות האבן עולה געווען כהן הב' שמעון בה"ר נחמן כהנא ני"ו, לוי רבינו שליט"א, שלישי דער מנהל הרה"ג ר' שמעון יחיאל ראטה שליט"א, רביעי מוה"ר מרדכי הערשקאוויטש הי"ו משגיח.

דערנאך האט מען געמאכט א מסיבת לחיים לרגל סיום הזמן, דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש איבער אויפשטיין פארטאגס, און דאווענען מיט א ברען אזוי ווי ווען מען איז אין ישיבה, און וויאזוי אויסצונוצן די טעג פון חודש ניסן, דערנאך פארטיילט ספעציעלע קארטלעך זיך צו צייכענען במשך די ימי בין הזמנים.

דערנאך זענען די בחורים אריבער זיך געזעגענען ביים רבי'ן.

◆

שפעטער אין טאג האט דער רבי געקליבן און געמאלן ווייץ לכבוד חג הפסח הבעל"ט.

◆

נאכמיטאג איז דער רבי ערשינען צום שלחן הטהור סעודת ראש חודש ניסן בהיכל ביהמ"ד הגדול, ווי עס איז געווען צוגעשטעלט א סעודה רחבה פאר כל הקהל הקודש.

דער רבי האט געצינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודה, און פארטיילט שיריים פון אלע מאכלים. מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים, און דער רבי האט געטרינקן און געוואונטשן לחיים, און מכבד געווען גיסו הגדול כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א ביותרת הכבוד.

דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש, מיט ברכי נפשי האט דער רבי מכבד געווען הרב אברהם ישעי' ענגל שליט"א פון לעיקוואד, ברהמ"ז על הכוס הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א.

◆

ביינאכט האט דער רבי מנחם אבל געווען דורכן טעל. ביי

מוה"ר אליעזר אשר יעקב בלום הי"ו, וועלכע איז געזעצן שבעה על פטירת אביו הגה"צ אב"ד קרית קאשוי זצ"ל, ווי דער רבי האט געטרייסט און מחזק געווען און ווארעם אנגעוואונטשן ברכות לרוב.

## שבת קודש פר' ויקרא

פארן זמן הדלה"נ איז דער רבי ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, געצינדן די ליכט לע"נ רביה"ק זי"ע, די ליכט ביים עמוד, און די נרות שבת, און געזאגט שיר השירים.

צו תפילת מנחה איז צוגעגאנגען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, דער רבי איז צוגעגאנגען צו קבלת שבת. נאכן דאווענען איז דער ציבור אריבער דעם רבי'ן וואונטשן 'א גוט שבת'.

⋄

ביים שלחן הטהור בהיכל ביהמ"ד הגדול זענען מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מו"ה שמואל הערש ווייס הי"ו.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ג ר' נחמי' צבי חיים סג"ל קרויס שליט"א, הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו, הרה"ח ר' אלתר אליעזר סג"ל לאווען הי"ו, הרה"ג ר' אברהם שלמה פאפלאנאש שליט"א, הרב משה צבי האלצער שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, הרה"צ רבי יודא יחיאל גרינוואלד שליט"א חדב"ן.

דער רבי האט פארגעלערנט בספה"ק נועם אלימלך, און משמיע געווען דברות קודש.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו לרגל די יארצייט פון אביו ע"ה, שיר המעלות הב' יחיאל מיכל ליעבערמאן נ"י. שבח נותנים מוה"ר יהוסף אלימלך קרויס הי"ו פון מאנסי.

נאכן טיש האבן די בחורים אהיימבאגלייט דעם רבי'ן לביתו נאוה קודש, און נאכגעזאגט דברי תורה אויפן וועג, אנקומענדיג אהיים האט דער רבי געוואונטשן א גוט שבת.

⋄

שבת אינדערפרי האט דער רבי פארגעזאגט ספר תהלים ביים עמוד כנהוג, צו פסוקי דזמרה איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו. שחרית האט געדאווענט הרה"צ רבי יודא יחיאל גרינוואלד שליט"א חדב"ן.

די עליות האבן עולה געווען: כהן מו"ה אלימלך אהרן הערמאן הי"ו, לוי רבינו שליט"א, שלישי הרה"צ רבי יודא יחיאל גרינוואלד שליט"א חדב"ן דער רבי האט געגעבן די נאמען לבתו הנולד לו למזל טוב, רביעי הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו, חמישי מוה"ר ישעי' אשר זעליג ראטענבערג הי"ו, ששי כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שביעי מו"ה חיים זאב געלב הי"ו, הוספות: הרה"ח ר' אהרן פנחס עקשטיין הי"ו, הרה"צ רבי יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש שליט"א חדב"ן, העסקן מוה"ר מנחם משה עקשטיין הי"ו, אחרון הרה"ח ר' שלום יחיאל מיכל ארגעל הי"ו.

פאר מפטיר האט דער רבי געמאכט די מי שברך לחולי ישראל. מפטיר האט עולה געווען הב' הבר מצוה בן מוה"ר ישעי' אשר זעליג ראטענבערג הי"ו. הגבה מו"ה שמואל הערש ווייס הי"ו, גלילה מוה"ר יצחק נחום האמבורגער הי"ו.

צו תפילת מוסף איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו. פתיחה צו אנעים זמירות מוה"ר יהוסף אלימלך קרויס הי"ו פון מאנסי.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען די ברית פון בן הנולד צו מוה"ר מנחם משה עשקטיין הי"ו, דער רבי איז מכובד געווארן מיט סנדקאות און מכבד געווען די זיידע הרה"ח ר' אהרן פנחס עקשטיין הי"ו, נאכן ברית האט דער רבי געבענטשט דאס קינד און געוואונטשן ברכת קדשו פאר די עלטערן ובני משפחה.

דערנאך איז פארגעקומען די קידושא רבה פון נכדת רבינו שליט"א, בת הנולד צו הרה"צ רבי יודא יחיאל שליט"א חדב"ן, דער רבי האט געמאכט קידוש, מיט הגבהת הכוס איז מכובד געווארן הרה"ג ר' יעקב קליין שליט"א מו"ץ.

דער רבי האט געמאכט א ברכה אויף די פערפל און די ציבור איז אריבער וואונטשן מזל טוב און מען האט געזינגן פאסיגע ניגונים.

⋄

ביים שלחן הטהור אינאיינעם מיט די אורחים החשובים איז מכובד געווארן מיט הגבהת הכוס צו קידוש מוה"ר יושע יצחק גרינוואלד הי"ו.

אז ביום השביעי הרב לייבוש קליין שליט"א פון מאנטריאל, דער רבי האט געבענטשט ברהמ"ז על הכוס, הגבהת הכוס מוה"ר יחזקאל שרגא סג"ל שווארץ הי"ו. שיר המעלות הב' מאיר סאקס נ"י פון וומסב"ג.

⋄

שבת נאכמיטאג איז צוגעגאנגען צו תפילת מנחה מוה"ר אשר לעמיל פעלבערבוים הי"ו. די עליות האבן עולה געווען: כהן הרה"ג ר' חיים לייב כהנא שליט"א, לוי החתן אלימלך ב"ר יצחק אייזיק שלום סג"ל קרויס נ"ו תלמיד ישיבה גדולה, שלישי הרב יחזקאל שרגא טערקלטויב שליט"א, הגבה כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א.

קידוש ביי סעודה שלישית האט דער רבי מכבד געווען הרה"ח ר' פנחס ארי' סג"ל קרויס הי"ו. דער רבי האט משמיע געווען דברות קודש.

מיט די זמירות זענען מכובד געווארן: הרה"ח ר' חיים פנחס צוויבל הי"ו, הרה"ח ר' אהרן פנחס עקשטיין הי"ו, מו"ה מנחם משה עקשטיין הי"ו, מוה"ר ישעי' אשר זעליג ראטענבערג הי"ו.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שיר המעלות הב' אלימלך ב"ר יואל אלחנן פאפלאנאש ני"ו.

צו תפילת מעריב איז צוגעגאנגען הרה"ח ר' אפרים פישל פעלבערבוים הי"ו, און דערנאך האט דער רבי געמאכט הבדלה, הגבהת הכוס צו הבדלה הב' יוסף ב"ר אליעזר הערש שפיטצער ני"ו תלמיד ישיבה גדולה, די הבדלה האט געהאלטן החתן יעקב אלימלך ב"ר ישראל מרדכי קרויס ני"ו תלמיד ישיבה גדולה.

דער רבי האט מכבד געווען הרה"ח ר' צבי זאב בערגער הי"ו צו דערציילן סיפורי צדיקים.

שפעטער האט דער רבי אויפגענומען קבלת קהל לברך ולהתברך בחדר הפרטי בבנין הישיבה.

נאך קבלת קהל האט דער רבי געקלאפט א מזוזה אין די נייע שטוב פון מו"ה אברהם מרדכי זילבער הי"ו, דערנאך געמאכט א מסיבת לחיים וואו דער רבי האט אנגעזאגט ברכות קדשו לרוב.

## זונטאג פר' צו

אינדערפרי איז פארגעקומען די תפלין לייגן פאר הבחור הבר מצוה בן מוה"ר חיים יוסף יודא גרינוואלד הי"ו פון וומסב"ג, דער רבי האט געגעבן ווארימע דברי הדרכה, און נאכן תפלין לייגן אנגעזאגט ברכת קדשו פארן בר מצוה בחור און די עלטערן, און געגעבן במתנה די ספרי הקודש עבודת עבודה.

נאכמיטאג איז דער רבי געווען באקן מצות לכבוד פסח בבית האופה הפרטי. במשכ'ן באקן האט דער רבי ביי יעדע מיירע געטון א געוויסע חלק פונעם באקן, ארייגעגאסן וואסער, איינגעקנעטן, געטיילט טייגלעך, געוועלגערט, דער רבי האט זיך צוגעקוקט מיט גרויס הנאה ווי אלעס ווערט געטון למהדרין מן המהדרין. שפעטער איז דער רבי אריבער צום אויוון, מיטגעהאלטן ווי מען שיבט, און אריינגעווארפן א שטיקל האלץ אין אויוון. נאכן מצות באקן האט דער רבי אנגעזאגט פאר די עוזרים ומסייעים ברכות לרוב.






בעזהשי"ת

# קהל אור החיים ד'טאהש

קרית טאהש

תע"א

נתייסדה ע"י רבינו הקדוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

2 Beth Halevy Ave. Kiryas Tosh Boisbriand QC J7E 4H4 Tel. (450) 430-6380

## מצאנו מים

ברוב שבח והודאה להקב"ה הננו בזה להודיע לכל הקהל הקודש שבעזהשי"ת
עלה בידינו למצוא מקום מוכשר ומהודר של באר מים חיים

# לשאיבת מים שלנו

ויהא מוכן לכל הקהל הקודש
מאחורי בנין ביהמ"ד הגדול

וכאן המקום להביע תודותינו להעסקן הדגול ידידינו המפואר
מוה"ר **אברהם בראנער** הי"ו
על עזרתו המרובה לסדרו עצהיו"ט

**שאיבת מים שלנו**

## ע"י כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
**יתקיים ביום ג' שמיני א'**
**ליל בדיקת חמץ בערב**

בברכת חג כשר ושמח
הנהלת הקהלה

נ.ב. פאר די וואס קומען מיט קאר'ס איז ראטזאם צו פארקן פארנט פונעם בנין אדער אין בעק מקום הסוכה הגדולה

---

# קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בחדוה דקדושה, ובהתרגשות עילאה, משגרים אנו מיטב ברכותינו בהדרתא להאי גאון וצדיק פאר מקדושים, נעים הליכות ורב תבונות, ענף עץ אבו"ת אהוב ונערץ בפי כל באי בית ה', עומד לימין אביו הגדול כ"ק רבינו שליט"א במסירה נפלאה

ה"ה

## הרה"צ ר' ישראל מרדכי סג"ל לאווי שליט"א

בנו יקירו והביבו של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**העומד לימינינו בכל עת במסירה נפלאה**

**לרגל שמחתו הגדולה השורה בביתו**

**שמחת הולדת בנו למזל טוב**

ובשמחה רבה ובחדוה עילאה משגרים אנו ברכת מזלא טב"א
אל מול פני הקודש, מנורת הטהורה, עטרת תפארת ראשינו,
מלכא מרנא ורבנא, צדיק כתמר יפרח

## הוד כבוד קדושת מרן רבינו שליט"א

ימים על ימי מלך תוסיף שנותיו כמו דור ודור

ובכן נשמח כולנו יחד בשמחתו הגדולה, שמחת בית צדיקים, גזע אראלים ותרשישים ובעידן הדוותא ישפע לנו ממרומים, ברכות לרוב בכל מילי דמיטב בזכות הצדיקים הקדושים עדי נזכה לשמוע קול מבשר על ההרים, בביאת משיח צדקינו ומלכינו בראשינו בב"א.

**המברכים ברגשי הוקרה והערצה והכרת הטוב**

*הנהלת המוסדות*

---

מזון הנפש

בעזהשי"ת

# סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = יו"ט פסח =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק צו | דף עב: | דף סט. | חזרה | חזרה |
| זונטאג | דף עג. | דף סט: | דף קסז. | דף קסד: |
| מאנטאג | דף עג: | דף ע. | דף קסז. | דף קסה. |
| דינסטאג בדיקת חמץ | דף עד. | דף ע: | חזרה | דף קסה: |
| מיטוואך ערב פסח | דף עד: | דף עא. | חזרה | דף קסו. |
| דאנערשטאג יום א' דפסח | דף עה. | דף עא: | חזרה | דף קסו: |
| עש"ק יום ב' דפסח | דף עה: | דף עב. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת אחרי קדושים
חבורת ז' עמודים - כל סו. - פ:
חבורת ה' עמודים - קסד. - קסט:

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה, שואל ומשיב, ווי אויך צו טרעפן א חברותא
רופט קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 1-4 פון די מעין מעניו

---

# פרנס

**השיעורי תורה על**
**'קול איחוד' לשבוע הבעל"ט**

נתנדב על ידי

מוה"ר **אהרן**
**ברע"מ פריעד** הי"ו
(בארא פארק)

**אירוסי בנו החתן שרגא נ"י**
**למזל טוב**

זכות השיעורי תורה דרבים יעמוד
לו ולזרעו להתברך בכל הברכות
הכתובה בתורה עד עולם אמן

**קול איחוד** טאהש
מקושר פון איבעראל
718.451.TOSH | 514.500.TOSH

| | |
|---|---|
| 718.451.8674 | 514.500.8674 |
| 0.333.015.0715 | 079.704.0074 |

קולו בקודש מרביה"ק זי"ע | דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א | דרשות | שיעורים | חבורות
מעמדים | מאורעות | מודעות | שמחות | אינטערוויו'ס | מזון הנפש | עזר לתושבים
מעמבער אפטיילונג | ואטהר ואתקדש | קהילות ומוסדות | פרנסה ביחד | ועוד

די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן בריוון,
מודעות, און מזל טוב'ס פארן גליון, איז:
**מיטוואך 12:00 מיטאג**


איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
פילצאליגע פראיעקטן צו פאראייניגן און סערווירן אנשי שלומינו

P: 718.451.8674 EXT. 80 | F: 845.610.8674
11 Van Buren Dr. #205 Monroe N.Y. 10950